NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05093

# DER KEYSER UN DER TSADIK

S. Bastomski

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Miriam Mazor in memory of
her mother, Belle S. Dushman,
a teacher who loved children*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַרלאַג „די נייע יידישע פֿאָלקסשול“
סעריע „קינדער־ליטעראַטור“ №24.

ש. באַסטאָמסקי.

# דער קייסער און דער צדיק.

(יידישע פֿאָלקסמעשהלעך)

ווילנע — 1922.

דרוקעריי בר. ראָזענטאַל, רודניצקער 7.

אין אַ ווייטן לאַנד איז אַמאָל געווען אַ קייסער. איז איינמאָל געקומען צו אים צו חָלום אַן אַלטער מאַן און צו אים אַזוי געזאָגט:

— אַדוני קיניג, עס שטייט דיר פאָר אַ שרעקלאַכע געפאַר און פון דער דאָזיקער געפאַר קען דיך אַרויסראַטעווען נאָר אַ מענטש, וואָס איז געבאָרן געוואָרן מיט דיר אין איין יאָר אין איין חודש און אין איין טאָג.

אַז דער קייסער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער גלייך אַרויסגעלאָזן אַ באַפעל, מ'זאָל אין אַלע שטעט און שטעטלאַך פון זיין מדינה זוכן אַ מענטשן, וואָס איז געבאָרן געוואָרן מיטן קייסער אין איין יאָר, אין איין חודש און אין איין טאָג.

האָט מען געזוכט אין אַלע ווינקעלאַך פון דער מדינה אַזאַ מענטשן און אַלץ ניט געקאָנט געפינען.

פלוצלונג האָט מען געבראַכט צום קייסער

אַ ידיעה, אַז ערגעץ אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל וואוינט אַ ייד, וואָס איז געבאָרן געוואָרן מיטן קייסער אין איין יאָר, אין איין חודש, אין איין טאָג און אַפילו אין איין שָעה.

דאָס איז געווען אַ באַרימטער צדיק.

---

דער קייסער האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער גליקלאַכער בשורָה און ס'האָט זיך אים שטאַרק פאַרוואָלט אָנקוקן דעם מענטשן, וואָס קען אים אַרויסראַטעווען פון דער גרויסער געפאַר.

האָט ער זיך געזעצט אויף אַ פערד און איז אַוועקגעפאָרן צום יידן אין שטעטל. געפאָרן איז ער איינער אַליין, אָן פאַראַד, פאַרשטעלטערהייט.

געקומען אין דעם שטעטל, הייבט ער זיך אָן נאָכצופרעגן, וואו עס וואוינט דער און דער.

ווייזט מען אים אָן אויף אַ קליין שטיבעלע אין עק שטעטל. קומט ער אַריין אין שטיבעלע, זעט ער—עס פייפט דאָרט דער דלות אין אַלע ווינקעלאַך...

פרעגט ער ביי דער פרוי:—וואו איז דיין מאַן?

זאָגט זי:—ער זיצט אין בֵית-מְדרֶש און לערנט.

גייט אַוועק דער קייסער אין בֵית-מְדרֶש און ווי נאָר ער טרעט אַריבער די שוועל—קומט אים

אנטקעגן אן אַלטער מאַן און מאַכט איבער אים די בּרָכָה, וואָס מע מאַכט איבער אַ קייסער—בָּרוּך שֶׁחָלַק מִכְּבוֹדוֹ.

וואונדערט זיך דער קייסער, ווי אַזוי האָט אים דער אַלטער מאַן דערקענט.

זאָגט אים דער צדיק—זאָל דאָס דיר צו קיין וואונדער ניט זיין—איך ווייס, נאָך וואָס דו ביסט צו מיר געקומען.

און ער פאַרבעט דעם קייסער צו זיך אַהיים.

געקומען אַהיים, זאָגט דער צדיק צו זיין ווייב, אַז זיי האָבן אַ טייערן גאַסט, זאָל זי אים מיט וואָס-עס-איז מכבּד זיין.

ענטפערט אים די ווייב, אַז ס'איז בּפועל-ממש ניטאָ מיט וואָס.

שיקט ער זי אַרויס אין קלייטל: זאָל זי אים באָרגן אַ שפּיגעלע.

ברענגט די ווייב אַ שפּיגעלע און דער צדיק ווענדט זיך צום קייסער:

— אדוני-קיניג, קוק זיך נאָר איין אַהער אין שפּיגעלע, דו וועסט דאָרט עפּעס זען.

קוקט זיך איין דער קייסער אין שפּיגעלע און דערזעט דאָרט די גאַנצע וועלט.

פרעגט אים דער צדיק:—וואָס זעסטו?

ענטפערט דער קייסער:—איך זע די גאַנצע וועלט.

זאָגט אים דער צדיק:—האָב אין זינען נאָר דיין מדינה.

קוקט זיך דער קייסער ווידער אַיין אין שפּיגעלע.

פרעגט אים דער צדיק:—וואָס זעסטו אַצינד?

ענטפערט דער קייסער:—איך זע מיין מדינה.

זאָגט אים דער צדיק:—האָב אין זינען נאָר דיין הויפּטשטאָט. און ער פרעגט ביים קייסער:

— וואָס זעסטו אַצינד?

ענטפערט דער קייסער: איך זע מיין הויפּטשטאָט.

זאָגט דער צדיק: האָב אין זינען נאָר דיין פּאַלאַץ. וואָס זעסטו אַצינד?

ענטפערט דער קייסער:—איך זע מיין פּאַלאַץ.

זאָגט דער צדיק: האָב אין זינען נאָר דיין קאַבינעט. וואָס זעסטו אַצינד?

ענטפערט דער קייסער:—איך זע ווי דער ערשטער מיניסטער זיצט ביי מיר אין קאַבינעט אויף מיין שטול און לעבן אים זיצט מיין פרוי׳ די קייסערינע.

זאָגט דער צדיק:—הער זיך צו, וואָס זיי ריידן! בייגט דער קייסער צו דעם אויער צום שפּיגעלע און הערט, ווי זיי ריידן אָפּ צווישן זיך אומצוברענגען דעם אַלטן קייסער פון דער וועלט און אַרויפצוזעצן אויף זיין טראָן דעם ערשטן מיניסטער.

קוקט זיך איין דער צדיק דעם קייסער אין פּנים אַריין און זעט ווי דער קייסער איז געוואָרן טויט-בלאַס. פרעגט דער צדיק: אדוני קיניג, וואָס פאַר אַ פּסק קומט פאַר מורד-במלכות זיין?

ענטפערט דער קייסער, אַז אַ מורד במלכות איז חייב מיתה.

הייסט דער צדיק דעם קייסער ווידעראַמאָל זיך איינקוקן אין שפּיגעלע.

קוקט זיך דער קייסער איין, ערשט ער זעט— דער ערשטער מיניסטער ליגט אַ טויטער.

נעמט דאַן דער צדיק דאָס שפּיגעלע, גיט עס אַ וואָרף אָן דרערד און דאָס שפּיגעלע צעשפּרינגט זיך אויף פּיצע פּיצעלאַך.

—איצט ווייסטו, וואָס עס קומט פאַר ביי דיר אין פּאַלאַץ,—רופט זיך אָפּ דער צדיק צום קייסער—פאַר אַהיים, מאַך דאָרט אַ באַל און זעץ

זיך ניט צום טיש, ביז וואַנען איך וועל ניט קומען. און נאָך אַ זאַך וועל איך דיך בעטן—חַתמע ניט אונטער פאַר דער צייט קיין איין פּאַפּיר.

דער קייסער איז געוואָרן אויסער זיך פאַר וואונדער.

— איך זע, אַז דו ביסט אַ גרויסער און אַ געטלאַכער מאַן—האָט ער געזאָגט צום צדיק—גיב מיר צו פאַרשטיין נאָר איין זאַך—פאַרוואָס ביסטו אַזוי אָרים? דו ביסט דאָך געבאָרן געוואָרן מיט מיר אונטער איין מַזל?

שמייכלט דער צדיק און ענטפערט אים—דו, אֲדוני קיניג, ביסט רייך מיט פאַרמעגן און איך בין רייך מיט מיין תּוֹרה...

דער קייסער האָט זיך געזעגנט מיטן צדיק און איז אַוועקגעפאָרן צו זיך אַהיים.

---

איצט לאָמיר זען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פאר דער צייט, וואָס דער קייסער איז דאָרט ניט געווען.

אַז די קייסערינע האָט דערזען, ווי דער מיניס-טער איז געפאַלן טויט, האָט זי זיך זייער דערשראָקן. זי האָט באַשלאָסן די זאַך איינגאַנצן צו פאַרשטיקן.

ביי איר איז געווען אַ טרייער דינער. האָט זי פאַררופן דעם דינער צו זיך, באַשוואָרן אים ער זאָל קיינעם קיין זאַך ניט דערציילן, און געהייסן אַראָפּטראָגן דעם טויטן קערפּער אין קעלער אַריין, באַגראָבן אים דאָרט צווישן די פעסער פון ווין.

אויף מאָרגן כאַפּט מען זיך ביים קייסער אין הויף, אַז דער מיניסטער איז ניטאָ. נעמט מען אים זוכן—ניטאָ. הייבט מען אָן צו פרעגן און צו פאָרשן—קיינער ווייס ניט.

אַזוי ווי ס׳איז געווען ערֶב פּסח, איז געבליבן ביי די הויפלייט—קיין אַנדער סבָרָה ניט, מסתּמָא האָבן אים די יידן געהרגעט.

ברענגט מען די יידישע פאָרשטייער אין גע־ריכט אַריין און מע זאָגט זיי, זיי זאָלן בעסער אַליין אַרויסגעבן די שולדיקע, אַניט וועט מען אויסקוילען אַלע יידן...

שווערן די יידן, אַז זיי ווייסן ניט פון וואָס צו זאָגן. גלויבט מען ניט זייער שבועה און דאָס געריכט באַשולדיקט אַלע יידן אין דער רציחָה און טראָגט אַרויס אַזאַ מין פסק:

מ׳זאָל אַלע יידן פון דער שטאָט צונויפזאַמ־לען אויף אַ פּלאַץ, מ׳זאָל זיי אַלעמען פאַרבינדן

די אויגן, זאָלן זיי גיין איינער נאָך דעם אַנדערן און יעדן דריטן זאָל מען האַרגענען. דאָס פאַרמעגן זאָל מען אַוועקנעמען און צעטיילן: האַלב—אין די אוצרות פון דעם קייסער, די אַנדערע העלפט—די אַלמנה און די יורשים פון דעם מיניסטער. פון די יידן, וואָס וועלן לעבן בלייבן, זאָל מען אַראָפּציען די קליידער, אויסטאָן זיי נאַקעט, מ'זאָל ביי איטלאַכן אָפּשערן אַ האַלבע באָרד מיט איין פּאה און מיט האַרטע ריטער אַרויסטרייבן פון דער שטאָט".

שטעלט מען צונויף אַן אַקט און מע וואַרט נאָר דער קייסער זאָל אים חתמענען.

---

און אַז דער קייסער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין רייזע, זיינען צו אים געקומען די מקורבים זיינע און דערציילט די געשיכטע, אַז די יידן האָבן געהרגעט דעם מיניסטער און אַז מ'האָט זיי דער-פאַר פאַרמשפט צום טויט.

און מע דערלאַנגט אים דעם פּאַפּיר ער זאָל חתמענען.

זאָגט דער קייסער, מע זאָל דאָס אָפּלייגן אויף עטלאַכע טעג, פריער וויל ער פייערן דעם באַל לכבוד זיין געבורטסטאָג.

פֿאָרן זיך צונויף אין דעם באַשטימטן טאָג צום קייסער אין פּאַלאַץ די גרעסטע מאַגנאַטן און פֿירסטן פֿון דעם גאַנצן לאַנד און ס'ווערט איינגעאָרדנט אַ באַל מיט אַזוי פֿיל פּראַכט, וואָס זיין גלייכן איז נאָך קיינמאָל ניט געווען.

און מע טאַנצט און מע שפּרינגט, און מע שפּילט און מע זינגט, און מע עסט און מע טרינקט פֿון דאָס שענסטע און פֿון דאָס בעסטע. נאָר איינער איז אַזוי ווי אַ פֿרעמדער אויף דער שׂמחה. דאָס איז דער קייסער אַליין. ער גייט אַרום איבער די זאַלן אַ פֿאַרטראַכטער און איז ניט טועם טַעם.

וואונדערן זיך אַלע: וואָס קען דאָס זיין?

מיינען אַלע, אַז די סיבה דערפֿון איז דער פּלוצלונגדיקער טויט פֿון דעם מיניסטער, וואָס האָט דעם קייסער אַזוי פֿיל יאָרן אַזוי געטריי געדינט.

---

פּלוצלונג, אין רעכטן ברען פֿון דעם באַל, דערזעט מען, עס שטייט ביי דער טיר אַן אַלטער ייד מיט אַ גרויער באָרד, אין צעריסענע בגדים, מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס. ווי אַזוי און פֿון וואַנען ער האָט זיך גענומען, האָט קיינער ניט באַמערקט.

ווערט אַ רַעש, אַ געפילדער: ווי קומט אַ העֶר צום קייסער אויפן באַל, אַ שמוציקער יידז...

ווערן אָבער תּיכּף אַלע ווי געליימט: דערזען דעם אָרימען יידן, איז דער קייסער אַליין גלייך צו אים צוגעגאַנגען, צוגעפירט אים צום טיש און אוועקגעזעצט אים לעבן זיין שטול. קוקן אַלע, און וווּנדערן זיך—וואָס קומט דאָ פאָר?

דער קייסער איז מיטאַמאָל געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. אַראָפּ אינגאַנצן די מָרֶה־שחורה און אַ ליכ־טיקער שמייכל האָט אויפגעשטראַלט אויף זיין פּנים.

דערלאַנגט מען צום טיש די טייערסטע מאַכלים און ערשט איצט הייבט זיך אָן די רעכטע שמחה.

דער אַלטער מאַן האָט פון די אַלע מאַכלים גאָרנישט ניט פאַרזוכט.

נאָכן עסן דערלאַנגט מען דעם קייסער דעם פּאַפּיר אויף צו חתמענען. לייגט ער אַוועק דערווייל דאָס פּאַפּיר אָן אַ זייט און הייסט זיינע דינער, מע זאָל אים אַרויפטראָגן פון דעם בעסטן וויין, וואָס ס׳געפינט זיך ביי אים אין קעלער.

ברענגט מען אַרויף אַ פאַס דעם בעסטן וויין. דער־

לאנגט דער קייסער די ערשטע גלאָז דעם אַלטן מאַן. גיט דער צדיק אַ שמעק און זאָגט, אַז עס הערט זיך נבלה.

נעמט דער קייסער צו די ליפּן און זאָגט, אַז עס הערט זיך טאַקע נבלה.

פאַרזוכן אַלע—אַז דער קייסער זאָגט, מסתּמא איז ריכטיק.

בלייבט מע זאָל אַראָפּגיין אין קעלער און זען, וואו די פאַס איז געשטאַנען.

גייט מען אַראָפּ אין קעלער, געפינט מען גאָרנישט. געשטאַנען אַ פאַס צווישן אַנדערע פעסער.

הייסט דער קייסער מ׳זאָל זוכן אונטער די פעסער.

זוכט מען און מע דערזעט פרישע ערד.

גראָבט מען אויף און מע געפינט דעם טויטן קערפּער פון מיניסטער...

קומט מען אַרויף און מע דערציילט דאָס דעם קייסער. ווערט צווישן עולם אַ לאַרעם, אַ געפּילדער.

ווייל זיך דער קייסער ווענדן צום צדיק. ערשט יענער איז שוין ניטאָ, ער איז נעלם געוואָרן.

---

עס בלייבט נאָך צוצוגעבן, אַז דער קייסער האָט דעם פּאַפּיר וועגן הרגענען די יידן ניט גע־חתמעט, און די יידן האָבן געהאַט אַ פריילאַכן און אַ גליקלאַכן פּסח.



דער פאַרלאַג „די נייע ייִדישע פאָלקסשול" האָט שוין אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקע ביכער:

## א) לערנביכער:

1. אילוסטרירטער אַריטמעטישער רעכנבוך (פאַרן 1-טן לערניאָר) באַאַרבעט לויט שטעקלין און אַנדערע (2 אויפלאַגעס) פון ש. באַסטאָמסקי.

2. אַריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט) באַאַרבעט לויט שטעקלין און אַנדערע פון ש. באַסטאָמסקי.

3. אַריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט) (5 אויפלאַגעס) פון ש. באַסטאַמסקי.

4. אַריטמעטישער רעכנבוך (פלערליי צאָלן). (4 אויפלאַגעס) פון ש. באַסטאַמסקי.

5. אַריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאָלן). (4 אויפלאַגעס) פון ש. באַסטאַמסקי און ל. הורוויץ. מיט אַ ביילאַגע פון דער טערמינאַלאָגיע פון אַריטמעטיק אויסגעאַרבעט פון אַ קאָמיסיע ביי דער ווילנער ייִדישער לערער-געזעלשאַפט.

6. ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן—„לעבעדיקע קלאַנגען" אַ רייך-אילוסטרירטער א"ב

7. „לעבעדיקע קלאַנגען". כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן לערניאָר
די „לעבעדיקע קלאַנגען" זיינען באַשטעטיקט פון אַ קאָמיסיע לערער ביים ווילנער צ. ב. ק.

אינגיכן ערשיינט—„לעבעדיקע קלאַנגען"— כרעסטאָמאַטיע פאַרן 2-טן לערניאָר. פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

„דער נייער לערער"—זאַמלונג פון שריפטלעכע איבונגען ווי אַזוי אויסצולייגן די געדאַנקען;

אַריטמעטישער רעכנבוך—לעצטער טייל (פראָצענטן, דיסקאָנט, דרייבללי א. א.)

מעטאָדישע אָנווייזונגען צו „די לעבעדיקע קלאַנגען" מיט אַ פּראָ-פראָגראַם פון ייִדיש פאַר דעם 1-טן לערניאָר.

## ב) ביכער פאר קינדער:

פון ש. באסטאָמסקי

**פאר יינגערע:**

1) יעקעלע נאר, 2) יודע דער וואסערטרעגער און זיינע מעשיות 3) מזל. 4) צוויי מתנות. 5—6 א) דער נס. ב) דער צדיק. 7) דער בוים און דער ווינט. 8) יינגל—צינגל. 9) די אמתע כלה, 10) דריי מענטשעלאך 11) קארוזא. 12) דער ליגנער, 13) די נאשערקע, 14—15) מעשהלאך פון עזאפ (2 העפטן). 16) פישופמאכער און זון. 17) גיובערהאפען. 18) דער פארשלאסענער קאסטן. 19) לעגענדעס פון אמאל. 20) דער קונדס (זאמלונג פון רעטענישן, רעבוסן, אויפגאבן א. א.).

**פאר עלטערע:**

1) פריטיאף נאנסען און זיין רייזע צום צפונדיקן פאלוס (אילוסטרירט). 2) אין דער נאכט פון בדיקת חמץ 3) י. ל. פרץ (זאמלבוך). 4) דייוויד ליווינגסטאן, זיין לעבן און זיינע רייזעס איבער אפריקע. 5) הענרי סטענלי און זיינע רייזעס. 6) וויאזוי קאלומבוס האט אנטדעקט אמעריקע (אילוסטרירט) 7) זאלין. 8) מרדכי אנטאָקאָלסקי ביאָגראפיע (רייך אילוסטרירט)

**קינדערפיעסעס:**

1) פרילינג קומט! פאנטאסטישע קינדער-פיעסע אין 2 אקטן מיט געזאנג און טענץ.

## ג) מאטעריאל צום יידישן פאלקלאר:

1. יידישע פאָלקסרעטענישן. (2 אויפלאגעס)
גוזאמלט און דערקלערט פון ש. באסטאמסקי.

2. זאמלונג פון יידישע שפריכווערטער פאר שול און פאמיליע

3) „ביים קוואל" צוויפנעשטעלט פון ש. באסטאמסקי.
יידישע שפריכווערטער, ווערטלאך רעדנסארטן, פארגלייכענישן, ווינטשענישן, ברכות, שבועה קללות, חרמות, סימנים, סגולות, און זאבאבאָנעס.
געזאמלט און דערקלערט פון ש. באסטאמסקי.

4) „ביים קוואל" II באנד: יידישע פאלקסלידער
געזאמלט פון ש. באסטאָמסקי.

---

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן לויטן אדרעס: ווילנע סטעפן גאס 28.II,24